# משיחות

כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**ש״פ וירא, כ״ף מרחשון, ה׳תשל״ו**

יוצא לאור לש״פ חיי־שרה, מבה״ח כסלו, ה׳תשפ״ד

יוצא לאור על ידי מערכת

**״אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

בס"ד.

## פתח דבר

לקראת ש"פ חיי שרה, מבה"ח כסלו הבעל"ט, הננו מוציאים לאור ביאור בפרש"י (וירא יח, ט) ד"ה ויאמרו אליו — משיחות ש"פ וירא, כ"ף מרחשון ה'תשל"ו.

שיחה זו הוגהה בשעתה ע"י כ"ק אדמו"ר (באידית), ולקראת ש"פ וירא תשל"ז הוגהה עוה"פ עם הוספות ונדפסה בליקוט השבועי (ואח"כ בלקו"ש חט"ו ע' 110 ואילך). במהדורא זו נדפסה השיחה — בפעם הראשונה — כפי שהוגהה בשעתה (ע"פ הכלל "משנה לא זזה מקומה"), ותרגומה ללה"ק.

*

בתור הוספה — מכתבים (תדפיס מכרכי אגרות־קודש שמכינים עתה לדפוס).

לחביבותא דמילתא — באים בסוף הקונטרס פאקסימיליות מעמוד הראשון והאחרון מעלי ההגהה.

*

ויה"ר שנזכה תיכף ומיד ממש לקיום היעוד "הקיצו ורננו גו'", ומלכנו נשיאנו בראשם, וישמיענו נפלאות מתורתו, "תורה חדשה מאתי תצא".

**ועד הנחות בלה"ק**

מוצש"ק כ"ף מ"ח, ה'תשפ"ד,
ברוקלין, נ.י.

©
Published and Copyright 2023 by

**LAHAK HANOCHOS INC.**

788 Eastern Parkway Suite #408 | Brooklyn, New York 11213

Tel. (718) 604-2610

info@lahak.org • http://www.lahak.org

The Kehot Logo is a registered trademark of Merkos L'inyonei Chinuch.

5784 • 2023

*Printed in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס
על ידי חיים שאול בן חנה
בדפוס **"ועד הנחות בלה"ק"**
(718) 604-2610

נדפס בדפוס
**CH Print & Ship**
478 Albany Ave. Brooklyn N.Y. 11203
(718) 771-5000

נדפס בסיוע ולזכות יצחק בן לאה וזוגתו רבקה ויקה בת רחל ומשפחתם שיחיו

# בס"ד. משיחות ש"פ וירא, כ' מרחשון, ה'תשל"ו.

א. אין פסוק[1] „ויאמרו אליו אי' שרה אשתך גו'" איז רש"י מעתיק די ווערטער „ויאמרו אליו" און איז מפרש: „נקוד על אי"ו שבאליו ותניא[2] ר"ש בן אלעזר אומר כל מקום שהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב וכו' וכאן הנקודה רבה על הכתב אתה דורש הנקודה, שאף לשרה שאלו איו אברהם. למדנו שישאל אדם באכסניא שלו לאיש על האשה ולאשה על האיש" (און דערנאָך איז רש"י ממשיך „בב"מ אומרים כו'", כדלקמן ס"ב).

איז אין דעם ניט פאַרשטאַנדיק:

א) רש"י'ס פירוש איז דאָך לכאורה בלויז אויפן וואָרט „אליו" („נקוד על אי"ו שבאליו") – פאַרוואָס איז ער מעתיק אויך דעם וואָרט „ויאמרו"?

ב) רש"י ברייננגט דעם נאָמען פון בעל המאמר, נאָר ווען דאָס גיט צו בהבנת הענין – וואָס פאַר אַ תוספת הבנה קומט צו דורכן זאָגן אַז דעם כלל („כל מקום שהכתב כו'") האָט געזאָגט רשב"א?

ג) וויבאלד אַז „כל מקום שהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב" – דאַרף [מען] דאָך קיין מאָל ניט מרבה זיין נקודות ביז עס זאָל זיין „הנקודה רבה" (בכדי צו דרשנען די אותיות המנוקדות), עס איז דאָך געווען מנקד זיין דעם מיעוט אותיות וועלכע מען דאַרף ניט דרשנען, וואָלט מען געדרשנט די אַנדערע אותיות?

בנדו"ד: בכדי צו וויסן אַז מען דאַרף דרשנען די אותיות אי"ו – וואָלט געווען גענוג אַז עס זאָל זיין אַ נקודה בלויז אויפן למ"ד, וואָס דאַן וואָלט מען געדרשנט די אותיות אי"ו מצד דעם כלל שכשהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב, איז צוליב וואָס דאַרף מען דעם ניקוד אויף דריי אותיות?

ד) אברהם האָט זיך געפונען מיט די מלאכים די גאַנצע צייט, איז ווי איז שייך אַז זיי זאָלן פרעגן „איו (אברהם)"?

ה) (נוסף אויף די שאלות וועלכע שטעלן זיך על אתר, איז דאָ פאַראַן אויך אַ שאלה וועלכע עס ווערט באַ אַ ווייטערדיקע רש"י): אויף „ולא ידע בשכבה ובקומה"[3] זאָגט רש"י „ובקומה . . נקוד לומר שבקומה ידע". זעט מען דאָך דערפון, אַז ניקוד קומט צו עוקר זיין דעם וואָרט[4], איז ווי שטימט עס מיטן כלל וואָס רש"י זאָגט דאָ אַז בשעת די נקודה רבה על הכתב „אתה דורש הנקודה"?

ב. דערנאָך איז רש"י ממשיך (אין זעלבן ד"ה): „בב"מ[5] אומרים יודעים היו מלאכי השרת שרה אמנו היכן היתה אלא להודיע שצנועה היתה כדי לחבבה על בעלה. אמר ר' יוסי בר חנינא כדי לשגר לה כוס של ברכה".

איז אין דעם ניט פאַרשטאַנדיק:

א) „יודעים היו . . כדי לחבבה . . כדי לשגר לה כו'" איז אַ ביאור (ניט אויף

1) פרשתנו יח, ט.
2) ב"ר פמ"ח, טו.

3) שם יט, לג.
4) וראה לקמן ס"ה.
5) פז, א.

„נקוד על אי"ו", נאָר) אויף דעם וואָס די מלאכים האָבן געפרעגט „אי' שרה אשתך" — האָט דאָך רש"י געדאַרפט עס שרייבן אין אַ באַזונדער ד"ה, און ניט בהמשך צו זיין פירוש פון „נקוד על אי"ו"?

די קשיא איז נאָך שטאַרקער: די התחלה „שאף לשרה שאלו כו'" איז לכאורה אַ ענין פון היפך הצניעות, ובמילא קומט אויס אַז דאָס וואָס רש"י ברייננגט פון ב"מ „שצנועה היתה" איז גאָר בסתירה צו „שאף לשרה שאלו כו'" — און רש"י שרייבט ביידע ענינים בהמשך זה לזה?

ב) צוליב וואָס איז רש"י מציין אַז „יודעים היו כו'" שטייט אין ב"מ?

ג) צוליב וואָס זאָגט רש"י אַז „כדי לשגר כו'" האָט געזאָגט ריב"ח?

ד) צוליב וואָס האָבן די מלאכים גע־דאַרפט שיקן שרה'ן פון זייער כוס של ברכה — ובפרט נאָך אַז דאָס איז לכאורה אַ ענין פון היפך הצניעות — אברהם האָט דאָך איר געקענט געבן פון זיין כוס של ברכה?

ה) פריער שטייט[6] אַז אברהם האָט זיי געגעבן „חמאה וחלב ובן הבקר" — עס ווערט אָבער ניט דערמאָנט אַז ער האָט זיי געגעבן וויין. איז פון [וואַנען] איז געקומען וויין?! ובפרט אַז רש"י זאָגט מיט אַ פשיטות אַז זיי האָבן געדאַרפט שיקען פון כוס של ברכה?

ו) רש"י זאָגט דאָ דריי טעמים אויף דעם וואָס די מלאכים האָבן געפרעגט „אי' שרה גו'": (א) „שישאל אדם באכסניא שלו לאיש על האשה", (ב) „להודיע שצנועה היתה כו'", (ג) „כדי לשגר לה כו'". איז ניט מובן: פאַרוואָס מוז מען האָבן דריי טעמים און ס'איז ניט מספיק איין טעם?

ז) רש"י האָט שוין געזאָגט פריער[7] „לבשר את שרה".

[אין תרגום יונתן און תרגום ירושלמי שטייט אַז דער מלאך איז געקומען מבשר זיין אברהם'ן אַז באַ שרה'ן וועט געבאָרן ווערן אַ זון, אָבער רש"י זאָגט אַז ער איז געקומען „לבשר את שרה".

און רש"י'ס הכרח אויף דעם — איז מובן בפשטות: אברהם איז דאָך שוין נתבשר געוואָרן פריער[8] אַז שרה וועט האָבן אַ זון, מוז מען דעריבער זאָגן, אַז דער מלאך איז געקומען „לבשר את שרה"].

איז לאחרי ווי רש"י האָט שוין גע־זאָגט פריער „לבשר את שרה" — איז דאָך פאַרשטאַנדיק בפשטות אַז דער פרעגן „אי' שרה אשתך" איז געווען צו מבשר זיין איר [און ווי עס שטייט גלייך ווײַ־טער[9] „ויאמר גו' והנה בן לשרה אשתך, ושרה שומעת גו'"]. איז צוליב וואָס דאַרף רש"י זאָגן טעמים (און אַנדערע טעמים) אויף זייער פרעגן „אי' שרה אשתך" — בשעת אז דער טעם דערפון איז מובן בפשטות?

ח) די דריי טעמים וועלכע רש"י ברייננגט — זיינען דריי באַזונדערע טעמים וואָס האָבן ניט קיין שייכות איינער צום צווייטן

[און נאָך מער: דער טעם „שישאל

6) יח, ח.

7) שם, ב.

8) לך יז, טז. יט. כא.

9) יח, יו"ד.

אדם באכסניא כו'" און דער טעם „כדי לשגר כו'" זיינען בסתירה (לכאורה) צום טעם „להודיע שצנועה היתה": וואָרום אין טעם „שישאל אדם באכסניא" זאָגט רש"י (ניט נאָר „לאיש על האשה", נאָר אויך) „לאשה על האיש", וואָס דערפאַר איז „אף לשרה שאלו כו'" — און דאָס איז דאָך לכאורה בסתירה צו „שצנועה היתה"[10]; און אויך „לשגר לה כוס של ברכה" איז לכאורה היפך הצניעות[11]]

איז פאַרוואָס שרייבט רש"י דריי באַזונדערע טעמים [ובפרט נאָך טעמים סותרים] אין איין המשך (אָן דער הקדמה „דבר אחר" וכיו"ב)?

די קשיא איז נאָך שטאַרקער: אין מס' ב"מ[5] שטייט (לויט אונזער גירסא) „כדי לחבבה כו' ריב"ח אמר כדי לשגר כו'", וואָס דער לשון „ריב"ח אמר" (דער נאָמען פון בעל המאמר פאַר דעם וואָרט אמר) ווייזט[12] אַז ריב"ח קריגט אויפן טעם „כדי לחבבה כו'" — און רש"י איז משנה און שרייבט „אמר ריב"ח כו'", וואָס דער לשון („אמר" פאַר ריב"ח) ווייזט[12] אַז „כדי לשגר כו'" קומט בהמשך צו „כדי לחבבה"?

ואע"פ אַז מסתמא האָט רש"י געפונען אַזאַ גירסא — איז אָבער ניט מובן: פאַרוואָס איז רש"י בוחר אַ גירסא בלתי רגילה?

ג. איז דער ביאור בכל הנ"ל:

דאָס וואָס רש"י'ן אַרט אין „ויאמרו אליו" איז:

בפשטות לערנט מען, אַז דער זאָגן „אי' שרה אשתך" איז פאַרבונדן[13] מיט „לבשר את שרה", און דעריבער ווערט שווער וואָס עס שטייט „ויאמרו" לשון רבים: מבשר געווען שרה'ן האָט דאָך נאָר איין מלאך [ווי רש"י איז מדייק פריער[7] „אחד לבשר את שרה". וואָס דערפאַר איז[14] אין דעם פסוק שלאח"ז שטייט „ויאמר שוב אשוב גו' והנה בן לשרה אשתך", „ויאמר שוב אשוב" בלשון יחיד], איז פאַרוואָס שטייט דאָ „ויאמרו" לשון רבים, אַז אַלע (דריי) מלאכים האָבן געפרעגט „אי' שרה"?

[ועפ"ז מתורץ, וואָס רש"י איז מעתיק אויך דעם וואָרט „ויאמרו" — ווייל רש"י קומט דאָ מפרש זיין וואָס עס שטייט „ויאמרו" לשון רבים].

און אויף דעם ענטפערט רש"י „למדנו שישאל אדם באכסניא שלו לאיש על האשה" — אַז דאָס וואָס אַלע מלאכים האָבן געפרעגט „אי' שרה אשתך" איז דאָס מצד דערויף וואָס מען דאַרף פרעגן באכסניא לאיש על האשה,

און היות אַז פון „ויאמרו" (לשון רבים) איז מוכרח „שישאל אדם באכסניא שלו" — איז דאָס מכריח צו זאָגן אַז דאָ עכ"פ איז דער ניקוד (אויף איו שבאליו) שייך צו פשוטו של מקרא [אע"פ אַז בכמה מקומות[15] איז רש"י ניט מפרש דעם ניקוד[16]], וואָרום וויבאַלד אַז מען דאַרף

10) כנ"ל בקושיא הא'.

11) כנ"ל בקושיא הד'.

12) ראה שד"ח כללים (ח"א ע' מט וח"ז ע' א'תעה ואילך) וש"נ.

13) כנ"ל ס"ב בקושיא הז'.

14) כדפירש"י שם.

15) לך טז, ה. ועוד*.

16) ע"ד חסר שבמקרא שרש"י מפרשו רק במקום שנוגע לפשש"מ (פרשתנו יח, א. יט, א.

*) ראה מס' סופרים פ"ו ה"ג, אדר"נ פל"ד, ד: „עשר נקודות בתורה כו'".

פרעגן באכסניא (כולל אויך „לאשה על האיש") — דאַרף מען דאָך זאָגן „שאף לשרה שאלו איו אברהם".

און די שאלה[17] ווי איז שייך זיי זאָלן פרעגן „איו אברהם" — אברהם איז דאָך געווען צוזאַמען מיט זיי — איז דאָס דאַרף רש"י ניט באַוואָרענען, ווײַלע ס'איז מובן מעצמו: אין דער צייט וואָס „ואל הבקר רץ אברהם"[18] און ווען ער האָט גערעדט מיט ישמעאל'ן „לחנכו במצוות"[19] — איז די עטליכע מינוט האָבן די מלאכים אויסגענוצט צו פרעגן „איו אברהם".

ד. עס בלייבט נאָך אָבער ניט פאַר־שטאַנדיק:

„שישאל אדם באכסניא" איז דאָך, בפשטות, ע"ד פון שאלת שלום, פרעגן את שלומה[20] איז דאָך כלל קיין נפ"מ ניט וואו זי איז — איז פאַרוואָס האָבן די מלאכים געפרעגט „אי' שרה"?

אויף דעם איז רש"י ממשיך „בב"מ אומרים . . כדי לחבבה . . כדי לשגר כו'" — אַז דאָס וואָס די מלאכים האָבן אויסגעדריקט דעם „לשאול באכסניא" אין דעם לשון „אי' שרה", איז עס „כדי לחבבה כו'" און „כדי לשגר כו'".

ה. דערמיט וואָס רש"י ברייננגט פון ב"מ „להודיע שצנועה היתה" — פאַר־ענטפערט ער נאָך אַ שאלה:

אַ וואָרט (אָדער אַן אות) וואָס האָט אויף זיך אַ ניקוד — ווייזט, אַז דער וואָרט (אָדער אות) איז אַנדערש פון אַנ־דערע ווערטער. אין וואָס באַשטייט די אַנדערשקייט? זאָגן אַז דער ניקוד קומט אינגאַנצן מוחק זיין — קען מען ניט, אויב אַזוי איז פאַרוואָס שטייט ער געשריבן בכלל? מוז מען זאָגן אַז דער ניקוד מאַכט שוואַכער דעם וואָרט[21] — און ווי רש"י זאָגט אויף „וישקהו"[22]: „נקודה זו לומר שלא נשקו בכל לבו", עד"ז דער צווייטער פירוש „נשקו בכל לבו" — ניט עשו'ס נשיקה, וואָרום „הלכה" אַז „עשו שונא ליעקב".

אָדער נאָך מער: אַז דער ניקוד איז עוקר דעם וואָרט, ווי רש"י זאָגט אויף „ולא ידע בשכבה ובקומה"[3] אַז דער ניקוד אויף „ובקומה" קומט זאָגן אַז „ובקומה ידע". אָבער, כנ"ל, ער איז אים ניט עוקר לגמרי:

בהמשך צו „ולא ידע בשכבה ובקומה" דערציילט דער פסוק ווייטער[23] „ויהי ממחרת גו' נשקנו יין גם הלילה גו'". איז דאָך ניט מובן: וויבאַלד אַז „ובקומה ידע" — האָט דאָך ניט געדאַרפט זיין „נשקנו יין"? נאָר דער ביאור אין דעם, אַז דאָס וואָס „בקומה ידע" האָט נאָר לוט ידע, געוואוסט דערפון, אָבער די בנות לוט האָבן געמיינט אַז אויך בקומה לא ידע, און דערפאַר האָבן זיי געזאָגט „נשקנו יין".

ו. דערפון איז פאַרשטאַנדיק בנוגע לענינינו — דער ניקוד על אי"ו שבאליו: וויבאַלד די אותיות אי"ו זיינען מנוקדות,

ועוד). — [ראה לקו"ש חכ"ט ע' 52 ואילך. וש"נ. המו"ל].

17) הד' דלעיל ס"א.

18) יח, ז.

19) פרש"י שם.

20) וראה רש"י (ב"מ שם ד"ה על ידי. ופליג על התוספות שם).

21) ראה גם לקו"ש ח"ח ע' 62.

22) וישלח לג, ד.

23) יט, לד.

ווייזט עס, אַז די שאלה „איו (אברהם)" איז געווען ניט בתוקף כ"כ.

ועפ"ז מתורץ[24] וואָס דער ניקוד איז אויף דריי אותיות — אע"פ אַז אויך ווען עס וואָלט געווען אַ ניקוד בלויז אויפן למ"ד וואָלט מען געדרשנט די אותיות אי"ו (וואָרום „כל מקום שהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב") — ווייַלע פון דעם וואָס דער ניקוד איז אויף די אותיות אי"ו, ווייס מען, אַז די שאלה איו אברהם איז געווען ניט בתוקף כ"כ [ועד"ז הוא בכל מקום שהנקודה רבה].

אין וואָס באַשטייט די חלישות אין דער שאלה איו אברהם? איז דאָס פאַר־שטאַנדיק פון דעם וואָס רש"י ברייננגט פון ב"מ „להודיע שצנועה היתה": ווי־באַלד אַז שרה איז געווען אַ צנועה — איז פאַרשטאַנדיק, אַז די שאלה „איו אברהם" וואָס די מלאכים האָבן געפרעגט באַ שרה'ן איז געווען ניט באופן דפרסום וגילוי, ס'איז געווען באופן פון צניעות.

ועפ"ז מובן, אַז דאָס וואָס רש"י ברייננגט פון ב"מ „להודיע שצנועה היתה" איז ניט נאָר וואָס דאָס איז ניט בסתירה צו „שאף לשרה שאלו איו אברהם"[25] נאָר אדרבה: דוקא דורך דעם ווערט מבואר וואָס די אותיות אי"ו זיינען מנוקדות.

ז. דער טעם פון דעם וואָס ביים פירוש „יודעים היו כו' להודיע שצנועה היתה" איז רש"י מקדים „בב"מ אומרים" ווייל די התחלה און ותניא רשב"א אומר שטייט בבראשית רבה[2] — זאָגט רש"י אַז דאָס איז ער מוסיף פון ב"מ — און דאָס קומט בהמשך און ערגענצט זה את זה.

ניט אַז די צוויי ענינים וואָס רש"י ברייננגט בפירושו „שאף לשרה שאלו כו'" (גענומען פון מדרש), און „להודיע שצנועה היתה" (גענומען פון גמרא ב"מ) — זיינען צוויי פירושים הפכים,

דעריבער איז רש"י מקדים (ביים פירוש „יודעים היו כו' שצנועה היתה") „בב"מ אומרים", אַז דער ענין וואָס שטייט אין ב"מ („להודיע שצנועה היתה") איז „אומרים" סתם — דאָס שטימט אליבא דכולי עלמא, אויך אליבא דרשב"א וואָס זאָגט „שאף לשרה שאלו כו'";

אויך אַז „להודיע שצנועה היתה" איז אויך אליבא דריב"ח וואָס זאָגט „כדי לשגר לה כו'", ווייַלע אויך „לשגר לה כו'" איז ניט בסתירה צו „צנועה היתה" (כדלקמן סי"א וי"ב).

ח. אָבער דער פירוש „להודיע שצנועה היתה כו'" איז ניט מספיק. ווייל: אברהם האָט דאָך געוואוסט אַז שרה איז אַ צנועה[26], און וויבאַלד אַז זיי זיינען געווען מלאכים — האָבן זיי דאָך גע־וואוסט אַז אברהם ווייס דערפון, איז צוליב וואָס האָבן זיי אים געדאַרפט דאָס מודיע זיין.

דעריבער איז רש"י מוסיף, אַז די מלאכים האָבן געהאַט דערביי נאָך אַ טעם — „כדי לשגר לה כוס של ברכה".

אָבער אויך דער טעם אַליין איז ניט מספיק. ווייַלע וויבאַלד אַז „יודעים היו כו' היכן היתה", האָבן זיי דאָך ניט גע־דאַרפט פרעגן „אי' שרה"? — דערפאַר זאָגט רש"י, אַז דאָס וואָס זיי האָבן מאריך געווען בלשונם און געפרעגט „אי' שרה אשתך" איז בכדי אַז אברהם

24) קושיא הג' דלעיל ס"א.

25) וכקושיא הא' דלעיל ס"ב.

26) פרש"י לך לך יב, יא.

זאָל זיי דאַרפן ענטפערן "הנה באהל" (וואָס דאָס דריקט אויס "שצנועה היתה").

[ועפ"ז יובן מה שאיתא בב"מ שם "אלא מאי באהל כדי לחבבה כו'" – דלכאורה אינו מובן[27]: הרי "באהל" הוא מענה אברהם ולא שאלת המלאכים, ולמה אומר בגמרא "מאי באהל"? והביאור בזה: כוונת הגמרא ב"מאי באהל" היא לזה שהמלאכים האריכו בכדי שאברהם יצטרך לומר "באהל". ועל זה מקשה: מכיון ש"יודעים היו כו' ששרה אמנו באהל היתה" למה הוצרכו שאברהם יאמר להם "באהל"? ומתרץ: "כדי לחבבה כו'"].

נאָר היות אַז דאָס איז ניט מספיק (ווײַלע אברהם האָט געוואוסט אַז זי איז אַ צנועה), דערפאַר איז רש"י מוסיף "כדי לשגר לה כו'".

ט. נאָך אַ ענין אין דעם טעם "כדי לשגר לה כו'" אויפן טעם "להודיע שצנועה היתה":

באַם ענין פון "צנועה היתה" איז נוגע נאָר די שלילה – אַז זי איז ניט במקום הגלוי, ס'איז אָבער ניט נוגע דער חיוב פון "באהל". משא"כ לויטן טעם "כדי לשגר כו'" איז נוגע דער חיוב, דער אָרט וואו זי געפינט זיך, בכדי צו וויסן וויהין לשגר.

[ועפ"ז יובן הקשר ד"מאי באהל"[28] גם ל"כדי לשגר כו'"[29]].

יו"ד. דאָס וואָס רש"י נעמט אָן בפשי־טות אַז זיי האָבן געהאַט כוס של ברכה – אע"פ אז אין פסוק ווערט ניט דערמאָנט אַז אברהם האָט זיי געגעבן ווײַן[30] – איז מובן בפשטות:

פריער זאָגט רש"י[18] "ג' פרים היו כדי להאכילן ג' לשונות בחרדל". ולכאורה: פון דעם וואָס "ג' פרים היו" איז מוכח בלויז "להאכילן בג' לשונות" – פון וואַנען נעמט רש"י "בחרדל"? נאָר דאָס איז מובן בפשטות: ווײַבאַלד אַז אברהם [האָט] אַזוי פיל מהדר געווען בהכנסת אורחים: "רץ גו' וימהר גו'", אויך – געשחטן פאַר זיי דריי אָקסן "כדי להאכילן ג' לשונות", איז מובן בפשטות [אַז] די לשונות זײַנען געווען בתכלית פון געשמאַקייט – אַז ער האָט זיי געגעבן בחרדל, און דער פסוק דאַרף עס ניט מפרש זײַן וואָרעם עס איז ניט אַן ענין בפ"ע.

ועד"ז בנדו"ד: ווײַבאַלד אַז אברהם האָט זיך מצטיין געווען בהכנסת אורחים – איז מובן בפשטות אַז די סעודה איז געווען בשלימותה – מוז דאָך זײַן אויך כוס של ברכה.

יא. דער טעם פון דעם וואָס די מלאכים האָבן געדאַרפט שיקן שרה'ן פון זייער כוס של ברכה – אע"פ אַז לכאורה האָט אברהם געקענט איר געבן פון זײַן כוס של ברכה[31] – איז אויך מובן בפשטות:

אברהם איז געווען בתכלית השלימות בהכנסת אורחים ביז אַז כל ענינו איז געווען נאָר משמש זײַן די מלאכים – "והוא עומד עליהם (און די מלאכים) ויא־כלו"[6], ער האָט ניט געגעסן, איז באַ אים אויך ניט געווען קיין כוס של ברכה.

27) וכקושיית התו"ת ס"ק כ"ח.
28) בב"מ שם.
29) ראה לעיל ס"ח – בחצ"ר.
30) כקושיא הה' דלעיל ס"ב.
31) כקושיא הד' דלעיל ס"ב.

ועפ"ז מתורץ אויך אַז דאָס וואָס זיי האָבן געשיקט שרה'ן פון זייער כוס של ברכה איז ניט געווען קיין ענין פון היפך הצניעות — וואָרום בכדי זי זאָל האָבן כוס של ברכה איז ניט געווען קיין אַנדער וועג ווי שיקן איר פון זייער כוס של ברכה. ובפרט אַז זיי האָבן ניט אַליין געגעבן צו שרה'ן, נאָר געשיקט איר („לשגר").

יב. דער בן חמש למקרא (אויב ער איז אַ תלמיד ממולח) קען דאָך אָבער זאָגן, אַז אעפ"כ איז עס פאָרט ניט קיין צניעות — דערפאַר זאָגט רש"י „אמר ריב"ח כו'":

ריב"ח זאָגט אין מס' ברכות[32] „שהאשה מכרת באורחין יותר מן האיש". ועפ"ז איז פאַרשטאַנדיק, אַז שרה האָט דערקענט אַז די אורחים זיינען ניט קיין פשוט'ע מענטשן — און נעמען כוס של ברכה פון אַזוינע מענטשן (וואָס זיינען עכ"פ אַזוי ווי מלאכים), איז ניטאָ דערביי קיין ענין פון היפך הצניעות.

יג. לאחרי כל הנ"ל פעלט נאָך ביאור:

הגם טאַקע אַז די דריי טעמים זיינען ניט בסתירה זל"ז (און דעריבער קען מען זאָגן, אַז מיטן זאָגן „אי' שרה" האָבן די מלאכים געמיינט אַלע דריי טעמים) — פונדעסטוועגן, וויבאַלד ס'איז דריי באַזונדערע טעמים, פאַרוואָס שרייבט זיי רש"י אין איין המשך [און ניט ווי בכל מקום וואו רש"י ברייגנט כמה פירושים, אַז אויך ווען די פירושים זיינען ניט בסתירה זאָגט ער „דבר אחר" וכיו"ב]?

איז דער ביאור אין דעם:

דאָס וואָס רש"י זאָגט דריי טעמים (בהמשך אחד) איז, ווייל עס האָבן גע־פרעגט דריי מלאכים — יעדערער צוליב אַ בעזונדער טעם (ע"ד פרש"י בתחילת הפרשה[7] שאין מלאך אחד עושה שתי שליחות), ווייל יעדער טעם איז נוגע בלויז צו איין מלאך:

געשיקט דעם כוס של ברכה — איז געענוג איין מלאך (ווי מען זעט עס באַ יעדער כוס של ברכה); אויך צוליב „לשאול באכסניא" איז גענוג אַז איין מלאך זאָל פרעגן בשם כולם. ועד"ז לחבבה על בעלה.

יד. דער ביאור אין דעם וואָס רש"י זאָגט אַז דעם כלל „כל מקום שהכתב רבה על הנקודה כו'" האָט געזאָגט רשב"א:

דער כלל אַז ווען די נקודה איז רבה על הכתב „אתה דורש הנקודה" מיינט דאָך [ניט צו שולל זיין דעם פירוש הפשוט, נאָר] אַז נוסף צום פירוש הפשוט, אַז די אותיות המנוקדות זיינען אַ חלק פון גאַנצן וואָרט, איז דער ניקוד שבהם ווייזט אַז זיי זיינען אויך (כאילו ווי) אַ וואָרט בפני עצמו.

דאָס הייסט, אַז אין די אותיות המנו־קדות — ובנדו"ד: אותיות אי"ו — זיינען דאָ צוויי ענינים: א) אַ חלק פון וואָרט „אליו". און אין דעם ענין — זיינען די אותיות אי"ו בלויז אַ טפל, ווייל דער עיקר פון וואָרט „אליו", צו אברהם'ן — איז דער למ"ד. ב) אַ וואָרט (ענין) בפני עצמו — „איו".

פרעגט דער בן חמש למקרא (אויב ער איז אַ תלמיד ממולח): ווי איז דאָס אַז די אותיות המנוקדות (אי"ו) וואָס זיינען רבה על הכתב — וועלכע זיינען (אויך) אַ ענין בפני עצמו — זאָלן זיין טפל צו איין אות, צום למ"ד?

32) יו"ד, ב.

איז די שאלה באַוואָרנט רש״י דער־מיט וואָס דעם כלל (שכשהנקודה רבה על הכתב אתה דורש הנקודה) האָט געזאָגט רשב״א:

רשב״א זאָגט אין מס׳ ביצה[33]: „ממ־לאה אשה כל התנור פת מפני שהפת נאפת יפה בזמן שהתנור מלא" — אַז אע״פ וואָס צוליב יו״ט דאַרף זי האָבן בלויז איין פת, מעג זי אופה זיין אַ גאַנצן תנור מיט פת, בכדי (צו ממעט זיין דעם חלל פון תנור, בכדי) אַז דעם פת וואָס זי דאַרף אויף יו״ט זאָל זיין נאפה יפה.

לויט רשב״א איז אַ ריבוי פת ווערט אַ טפל צו איין פת — עד״ז בנדו״ד דריי אותיות אי״ו זיינען אַ טפל צום למ״ד.

טו. פון יינה של תורה שבפירש״י:

בשעת אַ איד באַטראַכט זיך אַז דער זמן וואָס עס גייט באַ אים אַוועק אויף תומ״צ איז בכמות עכ״פ אַ זמן מועט, דער רוב הזמן גייט באַ אים אַוועק אויף אכו״ש ושינה, עסק פרנסתו וכו׳, דברי הרשות — קען דאָך אים ווערן קאַלאַמו־טנע אויפן האַרצן, טראַכטנדיק אַז באַ אים איז דאָ אַזאַ גרויסער „חלל", אַ „מקום פנוי" פון תומ״צ.

אויף דעם קומט די הוראה: אויב די דברי הרשות זיינען „לשם שמים"[34], ווערן זיי אויס דברי הרשות נאָר זיי ווערן (אַ טפל צו) תומ״צ, ובדוגמת „ממלאה אשה כל התנור פת כו'" — אע״פ אַז יו״ט מעג מען טאָן נאָר די מלאכות שלצורך יו״ט — ווייל דער גאַנצער תנור פת, ווײבאַלד ער קומט בכדי אַז דער פת שלצורך יו״ט זאָל זיין נאפה יפה, ווערט דעריבער דער גאַנצער פת אַ יו״ט׳דיקער פת, און דער חלל (התנור) איז אָנגעפילט ניט מיט ענינים של חול נאָר מיט ענינים פון יו״ט.

בשעת אַ איד טוט זיינע דברי הרשות צוליב ענינים פון תומ״צ, בכדי אַז זיין לחם דתורה זאָל זיין נאפה יפה — וע״ד המבואר בלקו״ת[35] עה״פ[36] „ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד", אַז דער לחם דתורה זאָל זיין אויסגעבאַקט אין די „חמימות (תנור) האהבה הבאה מהתבונ־נות של אחד" — ווערט דאָס אַ הכנה קרובה צום דעם זמן ווען מען וועט ניט דאַרפן אָנקומען צו אפי׳ ווײלע „עתידה א״י שתוציא גלוסקאות וכלי מילת"[37], בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

33) יז, א.

34) בב״מ שם.

35) בחוקותי מח, ג.

36) בחוקותי כו, כו.

37) שבת ל, ב.

## בס"ד. משיחות* ש"פ וירא, כ' מרחשון, ה'תשל"ו.

א. על הפסוק[1] "ויאמרו אליו אי' שרה אשתך גו'", מעתיק רש"י התיבות "ויאמרו אליו", ומפרש: "נקוד על אי"ו שבאליו, ותניא[2] רבי שמעון בן אלעזר אומר, כל מקום שהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב וכו', וכאן הנקודה רבה על הכתב אתה דורש הנקודה, שאף לשרה שאלו איו אברהם. למדנו שישאל אדם באכסניא שלו לאיש על האשה, ולאשה על האיש" (ואח"כ ממשיך רש"י: "בב"מ אומרים כו'", כדלקמן ס"ב).

ואינו מובן:

א) פירוש רש"י הוא לכאורה רק על תיבת "אליו" ("נקוד על אי"ו שבאליו") — ולמה מעתיק גם תיבת "ויאמרו"?

ב) רש"י מביא שם בעל המאמר רק במקום שהדבר מוסיף בהבנת הענין. וא"כ, איזו תוספת הבנה באה כאן באמרו שכלל זה ("כל מקום שהכתב כו'") אמר רשב"א?

ג) כיון ש"כל מקום שהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב" — אין צורך אף פעם להרבות נקודות עד שתהי' "הנקודה רבה" (בכדי לדרוש האותיות המנוקדות), אלא די לנקד את מיעוט האותיות שאינן נדרשות, שאז דורשים את שאר האותיות?

בנדו"ד: בכדי לידע שיש לדרוש את אותיות אי"ו — הי' די שתהי' נקודה רק על הלמ"ד, ואז היו דורשים את אותיות אי"ו מצד הכלל שכ"שהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב", וא"כ מהו הצורך בניקוד על ג' אותיות?

ד) אברהם הי' ביחד עם המלאכים במשך כל הזמן, וא"כ, איך שייך שישאלו "איו (אברהם)"?

ה) (נוסף על השאלות שמתעוררות על אתר, יש גם שאלה שמתעוררת מפירוש רש"י לאח"ז:) על הפסוק[3] "ולא ידע בשכבה ובקומה", מפרש רש"י: "ובקומה .. נקוד לומר שבקומה ידע". ומכאן

---

*) הוגהה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א (באידית).

1) פרשתנו יח, ט.

2) ב"ר פמ"ח, טו.

3) שם יט, לג.

מוכח שהניקוד בא לעקור את התיבה[4], ואיך יתאים זה עם הכלל שאומר רש"י כאן שכאשר "הנקודה רבה על הכתב אתה דורש הנקודה"?

**ב.** וממשיך רש"י (באותו ד"ה): "בב"מ[5] אומרים יודעים היו מלאכי השרת שרה אמנו היכן היתה, אלא להודיע שצנועה היתה, כדי לחבבה על בעלה. אמר ר' יוסי בר חנינא, כדי לשגר לה כוס של ברכה".

ואינו מובן:

א) "יודעים היו .. כדי לחבבה .. כדי לשגר לה כו'" הוא ביאור (לא על "נקוד על אי"ו", אלא) על שאלת המלאכים "אי' שרה אשתך", וא"כ, הי' רש"י צריך לפרש זאת בד"ה בפני עצמו, ולא בהמשך לפירושו "נקוד על אי"ו"?

והקושיא היא גדולה יותר: ההתחלה "שאף לשרה שאלו כו'" היא לכאורה ענין של היפך הצניעות, ונמצא, שמה שמביא רש"י מב"מ "שצנועה היתה" הוא בסתירה לכך ש"אף לשרה שאלו כו'". ורש"י כותב שני הענינים בהמשך זה לזה?

ב) לשם מה ציין רש"י ש"יודעים היו כו'" נאמר בב"מ?

ג) לשם מה אומר רש"י ש"כדי לשגר כו'" — אמר ריב"ח?

ד) מפני מה הוצרכו המלאכים לשגר לשרה מכוס של ברכה שלהם — ובפרט שזהו לכאורה ענין של היפך הצניעות — הרי אברהם הי' יכול ליתן לה מכוס של ברכה שלו?

ה) נאמר לפנ"ז[6] שאברהם נתן להם "חמאה וחלב ובן הבקר" — אבל לא נזכר שנתן להם יין. וא"כ, מהיכן הגיע יין?! ובפרט שרש"י אומר בפשיטות שהוצרכו לשגר מכוס של ברכה?

ו) רש"י מפרש ג' טעמים על שאלת המלאכים "אי' שרה גו'": (א) "שישאל אדם באכסניא שלו לאיש על האשה", (ב) "להודיע שצנועה היתה כו'", (ג) "כדי לשגר לה כו'". ואינו מובן: מהו הצורך בג' טעמים — למה לא מספיק טעם אחד?

ז) רש"י פירש כבר לעיל[7] "לבשר את שרה".

[בתרגום יונתן ותרגום ירושלמי איתא שהמלאך בא לבשר לאברהם ששרה תלד בן, אבל רש"י אומר שבא "לבשר את שרה".

והכרחו של רש"י על זה — מובן בפשטות: אברהם כבר נתבשר

---

4) וראה לקמן ס"ה.

5) פז, א.

6) יח, ח.

7) שם, ב.

לפנ"ז[8] ששרה תלד בן, ולכן בהכרח לומר שהמלאך בא "לבשר את שרה"].

וא"כ, לאחרי שרש"י אמר כבר לפנ"ז "לבשר את שרה" — הרי מובן בפשטות שהשאלה "אי' שרה אשתך" היא בכדי לבשר לה [וכמ"ש מיד לאח"ז[9] "ויאמר גו' והנה בן לשרה אשתך ושרה שומעת גו'"]. וא"כ, מדוע הוצרך לומר טעמים (וטעמים אחרים) על שאלתם "אי' שרה אשתך" — בה בשעה שטעם הדבר מובן בפשטות?

ח) ג' הטעמים שהביא רש"י — הם טעמים נפרדים שאינם שייכים זה לזה,

[ויתירה מזה: הטעם "שישאל אדם באכסניא כו'" והטעם "כדי לשגר כו'" הם בסתירה (לכאורה) לטעם "להודיע שצנועה היתה": כי בטעם "שישאל אדם באכסניא" אומר רש"י (לא רק "לאיש על האשה", אלא גם) "לאשה על האיש", שלכן "אף לשרה שאלו כו'" — שזה לכאורה בסתירה לכך "שצנועה היתה"[10]; וגם "לשגר לה כוס של ברכה" הוא לכאורה היפך הצניעות[11]],

ומדוע כותב רש"י ג' טעמים נפרדים [ובפרט טעמים סותרים] בהמשך אחד (ללא הקדמה "דבר אחר" וכיו"ב)?

והקושיא היא גדולה יותר: במסכת ב"מ[5] איתא (לגרסתנו) "כדי לחבבה כו' ריב"ח אמר כדי לשגר כו'", והרי הלשון "ריב"ח אמר" (שם בעל המאמר קודם תיבת אמר) מורה[12] שריב"ח חולק על הטעם "כדי לחבבה כו'". ואילו רש"י משנה וכותב "אמר ריב"ח", שלשון זה ("אמר" לפני ריב"ח) מורה[12] ש"כדי לשגר כו'" בא בהמשך ל"כדי לחבבה"?

ואע"פ שמסתמא מצא רש"י גירסא כזו — אינו מובן: מדוע בוחר רש"י גירסא בלתי רגילה?

ג. הביאור בכל הנ"ל:

מה שהוקשה לרש"י במ"ש "ויאמרו אליו" הוא:

בפשטות קשורה השאלה "אי' שרה אשתך" עם "לבשר את שרה"[13]. ולכן קשה מ"ש "ויאמרו" לשון רבים: הבשורה לשרה היתה רק ע"י מלאך אחד [כפי שמדייק רש"י לפנ"ז[7] "אחד לבשר את שרה". ולכן[14]

---

8) לך לך יז, טז. יט. כא.

9) יח, יו"ד.

10) כנ"ל בקושיא הא'.

11) כנ"ל בקושיא הד'.

12) ראה שד"ח כללים (ח"א ע' מט וח"ז ע' א'תעה ואילך). וש"נ.

13) כנ"ל ס"ב בקושיא הז'.

14) כדפירש"י שם.

נאמר בפסוק שלאח״ז ״ויאמר שוב אשוב גו׳ והנה בן לשרה אשתך״ — ״ויאמר שוב אשוב״ בלשון יחיד], וא״כ מדוע נאמר כאן ״ויאמרו״ לשון רבים, היינו שכל (ג׳) המלאכים שאלו ״אי׳ שרה״?

[ועפ״ז מתורץ מה שרש״י מעתיק גם תיבת ״ויאמרו״ — כיון שבא לפרש מדוע נאמר ״ויאמרו״ לשון רבים].

ועל זה מתרץ רש״י ״למדנו שישאל אדם באכסניא שלו לאיש על האשה״ — שהסיבה לכך שכל המלאכים שאלו ״אי׳ שרה אשתך״ היא בגלל שצריך לשאול באכסניא לאיש על האשה.

וכיון שממ״ש ״ויאמרו״ (לשון רבים) מוכרח ״שישאל אדם באכסניא כו׳״ — הרי זה מכריח לומר שכאן עכ״פ הניקוד (על ״איו״ שב״אליו״) שייך לפשוטו של מקרא, אע״פ שבכמה מקומות[15] לא מפרש רש״י את הניקוד[16], דכיון שצריך לשאול באכסניא (כולל גם ״לאשה על האיש״), צ״ל ״שאף לשרה שאלו איו אברהם״.

והשאלה[17] איך שייך שישאלו ״איו אברהם״, הרי אברהם הי׳ יחד עמהם — לא צריך רש״י להבהיר, כיון שמובן מעצמו: בשעה ש״אל הבקר רץ אברהם״[18] וכשדיבר עם ישמעאל ״לחנכו במצוות״[19] — רגעים אחדים אלו ניצלו המלאכים לשאול ״איו אברהם״.

**ד.** אך עדיין אינו מובן:

״שישאל אדם באכסניא״ פירושו בפשטות ע״ד שאלת שלום[20], לשאול בשלומה, כך, שאין נפק״מ כלל היכן היא נמצאת, וא״כ מדוע שאלו המלאכים ״אי׳ שרה״?

ועל זה ממשיך רש״י ״בב״מ אומרים .. כדי לחבבה .. כדי לשגר כו׳״ — שזה שהמלאכים ביטאו את ה״לשאול באכסניא״ בלשון ״אי׳ שרה״ הי׳ ״כדי לחבבה כו׳״ ו״כדי לשגר כו׳״.

**ה.** ובזה שמביא רש״י מב״מ ״להודיע שצנועה היתה״ — מתרץ שאלה נוספת:

---

15) לך לך טז, ה. ועוד*.

16) ע״ד חסר שבמקרא שרש״י מפרשו רק במקום שנוגע לפשש״מ (פרשתנו יח, א. יט, א. ועוד). — ראה לקו״ש חכ״ט ע׳ 52 ואילך. וש״נ.

17) הד׳ דלעיל ס״א.

18) יח, ז.

19) פרש״י שם.

20) וראה רש״י (ב״מ שם ד״ה על ידי. ופליג על התוספות שם).

---

*) מס׳ סופרים פ״ו ה״ג, אדר״נ פל״ד, ד: ״עשר נקודות בתורה כו׳״.

תיבה (או אות) שיש עלי' ניקוד — מורה שתיבה (או אות) זו שונה מתיבות אחרות. במה מתבטא השינוי? — אי אפשר לומר שהניקוד בא למחוק את התיבה לגמרי, דא"כ, למה נכתבה תיבה זו בכלל?! ובהכרח לומר שהניקוד מחליש את התיבה[21], וכפי' רש"י על "וישקהו"[22]: "נקודה זו לומר שלא נשקו בכל לבו"; ועד"ז הפירוש השני "נשקו בכל לבו" — לא נשיקת עשו ש"הלכה" ש"עשו שונא ליעקב",

או יתירה מזו, שהניקוד עוקר את התיבה — כפי' רש"י על "ולא ידע בשכבה ובקומה"[3], שהניקוד על "ובקומה" בא לומר ש"בקומה ידע", אבל, כנ"ל, אינו עוקר לגמרי:

בהמשך למ"ש "ולא ידע בשכבה ובקומה" — מסופר בכתוב[23]: "ויהי ממחרת גו' נשקנו יין גם הלילה גו'". ואינו מובן: כיון ש"בקומה ידע", לא הוצרך להיות "נשקנו יין"? אלא הביאור בזה, דמה ש"בקומה ידע" רק לוט ידע, אבל בנות לוט סברו שגם "בקומה" לא ידע, ולכן אמרו "נשקנו יין".

ו. ומזה מובן בנוגע לעניננו — הניקוד על אי"ו שב"אליו": כיון שהאותיות אי"ו מנוקדות, הרי זה מורה שהשאלה "איו (אברהם)" לא היתה בתוקף כל כך.

ועפ"ז מתורץ[24] מה שהניקוד הוא על ג' אותיות — אע"פ שגם אם הניקוד הי' רק על הלמ"ד היינו דורשים את אותיות אי"ו (כי "כל מקום שהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב") — כי מזה שהניקוד הוא על אותיות אי"ו, יודעים, שהשאלה "איו אברהם" לא היתה בתוקף כ"כ [ועד"ז הוא בכל מקום שהנקודה רבה].

במה מתבטאת החלישות בשאלה "איו אברהם"? — הרי זה מובן ממה שמביא רש"י מב"מ "להודיע שצנועה היתה": כיון ששרה היתה צנועה — הרי מובן, שהשאלה "איו אברהם" ששאלו המלאכים אצל שרה היתה לא באופן של פרסום וגילוי, כי אם באופן של צניעות.

ועפ"ז מובן, שמה שמביא רש"י מב"מ "להודיע שצנועה היתה" — לא זו בלבד שאינו בסתירה לכך "שאף לשרה שאלו איו אברהם"[25], אלא אדרבה: עי"ז מבואר הניקוד על אותיות אי"ו.

---

21) ראה גם לקו"ש ח"ח ע' 62.
22) וישלח לג, ד.
23) יט, לד.
24) קושיא הג' דלעיל ס"א.
25) וכקושיא הא' דלעיל ס"ב.

**ז.** הטעם שבפירושו "יודעים היו כו' להודיע שצנועה היתה" הקדים רש"י "בב"מ אומרים", הוא, לפי שההתחלה ו"תניא רשב"א אומר" איתא בבראשית רבה[2]. ולכן אומר רש"י שמביא את ההמשך מב"מ דוקא, והדברים באים בהמשך ומשלימים זה את זה (ולא ששני הענינים שמביא רש"י בפירושו — "שאף לשרה שאלו כו'" (מהמדרש), ו"להודיע שצנועה היתה" (מגמרא ב"מ) — הם פירושים הפכים).

ולכן מקדים רש"י (בפירוש "יודעים היו כו' שצנועה היתה") "בב"מ אומרים" — שענין זה שבב"מ ("להודיע שצנועה היתה") "אומרים" סתם — שמתאים אליבא דכולי עלמא, גם אליבא דרשב"א שאומר "שאף לשרה שאלו כו'";

וכן ש"להודיע שצנועה היתה" הוא גם אליבא דריב"ח שאומר "כדי לשגר לה כו'", לפי שגם "לשגר לה" אינו בסתירה לכך ש"צנועה היתה" (כדלקמן סי"א וי"ב).

**ח.** אבל הפירוש "להודיע שצנועה היתה כו'" אינו מספיק, כי: אברהם הרי ידע ששרה צנועה היא[26], ולהיותם מלאכים — ידעו שאברהם יודע זאת, וא"כ, למה הוצרכו להודיעו זאת?

ולכן מוסיף רש"י, שהי' למלאכים טעם נוסף בדבר — "כדי לשגר לה כוס של ברכה".

אבל גם טעם זה לבדו אינו מספיק, דכיון ש"יודעים היו כו' היכן היתה", לא היו צריכים לשאול "אי' שרה"? — ולכן מבאר רש"י, שהאריכו בלשונם ושאלו "אי' שרה אשתך" כדי שאברהם יצטרך להשיב "הנה באהל" (שזה מדגיש "שצנועה היתה").

[ועפ"ז יובן מה שאיתא בב"מ שם "אלא מאי באהל כדי לחבבה כו'" — דלכאורה אינו מובן[27]: הרי "באהל" הוא מענה אברהם, ולא שאלת המלאכים, ולמה אומר בגמרא "מאי באהל"? והביאור בזה: כוונת הגמרא ב"מאי באהל" היא לזה שהמלאכים האריכו בכדי שאברהם יצטרך לומר "באהל". ועל זה מקשה: מכיון ש"יודעים היו כו' ששרה אמנו באהל היתה" למה הוצרכו שאברהם יאמר להם "באהל"? ומתרץ: "כדי לחבבה כו'"].

אך היות שאין זה מספיק (שהרי אברהם ידע שצנועה היא), לכן מוסיף רש"י "כדי לשגר לה כו'".

---

26) פרש"י לך לך יב, יא.

27) וכקושיית התו"ת ס"ק כ"ח.

**ט.** עוד ענין בטעם "כדי לשגר לה כו'" לגבי הטעם "להודיע שצנועה היתה":

בענין ש"צנועה היתה" נוגע רק השלילה — שאינה במקום הגלוי, אבל לא נוגע החיוב ד"באהל"; משא"כ לפי הטעם "כדי לשגר כו'" נוגע החיוב — המקום שבו נמצאת, בכדי לדעת לאן "לשגר לה".

[ועפ"ז יובן הקשר ד"מאי באהל"[28] גם ל"כדי לשגר כו'"[29]].

**י.** ומה שנקט רש"י בפשיטות שהי' להם כוס של ברכה — אע"פ שבפסוק לא נזכר שאברהם נתן להם יין[30] — מובן בפשטות:

לעיל פירש רש"י[18] "ג' פרים היו כדי להאכילן ג' לשונות בחרדל". ולכאורה: מזה ש"ג' פרים היו" מוכח רק "להאכילן בג' לשונות", ומנא לי' לרש"י "בחרדל"? אך הדבר מובן בפשטות: כיון שאברהם הידר כל כך בהכנסת אורחים: "רץ גו' וימהר גו'"[18], וגם שחט ג' פרים "כדי להאכילן ג' לשונות", הרי מובן בפשטות שהלשונות היו בתכלית העריבות — בחרדל, ואין צורך לפרש זאת בפסוק, כיון שאין זה ענין בפ"ע.

ועד"ז בנדו"ד: כיון שאברהם הצטיין בהכנסת אורחים, הנה מובן בפשטות שהסעודה היתה בשלימותה — מוכרח להיות גם כוס של ברכה.

**יא.** הטעם שהמלאכים הוצרכו לשגר לשרה מכוס של ברכה שלהם — אע"פ שלכאורה הי' אברהם יכול לשגר לה מכוס של ברכה שלו[31] — גם מובן בפשטות:

אברהם הי' בתכלית השלימות בהכנסת אורחים, עד שכל ענינו הי' רק לשמש את המלאכים — "והוא עומד עליהם (והמלאכים) ויאכלו"[6], ואילו הוא לא אכל, ולא הי' אצלו גם כוס של ברכה.

ועפ"ז מתורץ גם שבשיגור שרה מכוס של ברכה שלהם לא הי' ענין של היפך הצניעות — כי בכדי שיהי' לה כוס של ברכה לא היתה דרך אחרת מלבד לשגר לה מכוס של ברכה שלהם. ובפרט שלא נתנו בעצמם לשרה, אלא שיגרו לה ("לשגר").

**יב.** אמנם, הבן חמש למקרא (אם תלמיד ממולח הוא) יכול עדיין לומר שאעפ"כ אין זו צניעות — ולכן כותב רש"י "אמר ריב"ח כו'":

---

28) בב"מ שם.

29) ראה לעיל ס"ח — בחצ"ר.

30) כקושיא הה' דלעיל ס"ב.

31) כקושיא הד' דלעיל ס"ב.

ריב"ח אומר במס' ברכות[32] "שהאשה מכרת באורחין יותר מן האיש". ועפ"ז מובן, ששרה הכירה שהאורחים אינם אנשים פשוטים — וקבלת כוס של ברכה מאנשים כאלו (שהם עכ"פ כמו מלאכים) אינה ענין של היפך הצניעות.

יג. לאחרי כל הנ"ל חסר עדיין ביאור:

הן אמת שג' הטעמים אינם בסתירה זה לזה (ולכן אפשר לומר, שבאמירת "אי' שרה" התכוונו המלאכים לכל ג' הטעמים) — מ"מ, כיון שהם ג' טעמים נפרדים, מדוע כתבם רש"י בהמשך אחד [ולא כבכל מקום שרש"י מביא כמה פירושים, שגם כאשר הפירושים אינם בסתירה זה לזה — כותב "דבר אחר" וכיו"ב]?

והביאור בזה:

רש"י מביא ג' טעמים (בהמשך אחד) מפני ששלשה מלאכים שאלו זאת — כל אחד בגלל טעם בפ"ע (ע"ד פירוש רש"י בתחלת הפרשה[7], שאין מלאך אחד עושה שתי שליחות), כי כל טעם נוגע רק למלאך אחד: לשגר הכוס של ברכה — די במלאך אחד (כפי שרואים בכל כוס של ברכה); גם כדי "לשאול באכסניא" די בכך שמלאך אחד ישאל בשם כולם; ועד"ז "לחבבה על בעלה".

יד. הביאור במ"ש רש"י שהכלל "כל מקום שהכתב רבה על הנקודה כו'" אמר רשב"א:

הכלל שכשהנקודה רבה על הכתב "אתה דורש הנקודה", תוכנו [לא לשלול את הפירוש הפשוט, אלא] שנוסף על הפירוש הפשוט, שהאותיות המנוקדות הן חלק מתיבה שלימה, מורה הניקוד שבהם שהן גם (כאילו) תיבה בפני עצמה.

ונמצא, שבאותיות המנוקדות — ובנדו"ד: אותיות אי"ו — יש שני ענינים: א) חלק מתיבת "אליו". ובענין זה — אותיות אי"ו הן טפל בלבד, לפי שעיקר תיבת "אליו" [לאברהם] היא הלמ"ד. ב) תיבה (ענין) בפני עצמה — "איו".

ועל זה שואל הבן חמש למקרא (אם הוא תלמיד ממולח): איך יתכן שהאותיות המנוקדות (אי"ו) שהן "רבה על הכתב" — שהם (גם) ענין בפני עצמו — יהיו טפלות לאות אחת, ללמ"ד?

32) יו"ד, ב.

ושאלה זו מבהיר רש"י בכך שכלל זה (שכשהנקודה רבה על הכתב אתה דורש הנקודה) אמר רשב"א:

רשב"א אומר במס' ביצה[33]: "ממלאה אשה כל התנור פת מפני שהפת נאפת יפה בזמן שהתנור מלא" — שאע"פ שצריכה ליו"ט רק פת אחת, מותר לה לאפות תנור מלא בפת, בכדי (למעט את חלל התנור, בכדי) שהפת הנצרכת ליו"ט תהי' נאפת יפה.

והיינו, שלפי רשב"א נעשית ריבוי פת טפל לפת אחת — ועד"ז בנדו"ד, שג' אותיות אי"ו טפלות ללמ"ד.

**טו. מיינה של תורה שבפירוש רש"י:**

בשעה שיהודי מתבונן בכך שהזמן שמקדיש לתומ"צ הוא בכמות עכ"פ זמן מועט, ורוב הזמן עוסק באכו"ש ושינה, עסק פרנסתו וכו', דברי הרשות — יכול הדבר לגרום הרגשת מועקה בלבו, בחשבו אודות גודל ה"חלל", "מקום פנוי" מתומ"צ.

ועל זה באה ההוראה: אם דברי הרשות אלו הם "לשם שמים"[34], הרי אינם דברי הרשות אלא נעשים (טפל ל)תומ"צ. ובדוגמת "ממלאה אשה כל התנור פת כו'" — אע"פ שביו"ט מותר לעשות רק מלאכות שלצורך יו"ט — דכיון ש"כל התנור פת" הוא בכדי שהפת שלצורך יו"ט תאפה יפה, נעשית כולה פת של יו"ט, והחלל (התנור) ממולא לא בעניני חול אלא בעניני יו"ט.

בשעה שיהודי עוסק בדברי הרשות שלו לשם ענינים של תומ"צ, בכדי שהלחם דתורה יהי' נאפה יפה — וע"ד המבואר בלקוטי תורה[35] על הפסוק[36] "ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד", שלחם התורה יהי' נאפה ב"חמימות (תנור) האהבה הבאה מהתבוננות של אחד" — זה נעשה גם הכנה קרובה לזמן שבו לא נצטרך לאפי', לפי ש"עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקאות וכלי מילת"[37], בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

33) יז, א.

34) אבות פ"ב מי"ב.

35) בחוקותי מח, ג.

36) בחוקותי כו, כו.

37) שבת ל, ב.

# הוספה

## א

ב״ה. ו אייר התש״י

הרה״ח הוו״ח אי״א נו״מ כו׳ מהור״מ שי׳

שלום וברכה!

במענה על מכתבו מכ״ה ניסן:

---

ז׳ האגרות דלהלן הם למוה״ר מיכאל ליפסקאר (פאַריז — מעקנאס), בתקופה הראשונה לשליחותו במדינות צפון אפריקא (— בנוסף לאגרות המפורטות אליו בתקופה זו שנדפסו מכבר באג״ק); ונדפסו כאן מצילום האגרות (אשר נדפסו בתשורה — ריבקין, תשע״ד). אגרות נוספות אליו — אג״ק חכ״א אגרת ז׳תתיד, ובהנסמן בהערות שם.

לחביבותא דמילתא (ולשלימות הענין) מועתק בזה חלק מהאגרת הראשונה אליו בענין זה — בה נתבשר על תפקיד השליחות המיוחדת שהוטלה עליו (אג״ק ח״ג אגרת תקנט — כ׳ שבט תש״י):

> אחד הדברים אשר הואיל כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ לדבר אתי בימים שלפני ההסתלקות הי׳ בענין החינוך של ילדי ישראל במדינות אפריקא ליסד שם בעזהשי״ת סניף מעבודתו החינוכית אשר תפקידו יהי׳ גם לעזור לאחב״י שי׳ הדרים באפריקא ביסוד וסידור מוסדות חנוך כשרים — ולתכלית זו גם להכשיר חוג מלמדים משלהם — וגם להשגיח בל יעשה עול לבני הנעורים העולים מהתם לאה״ק ולשמור עליהם שלא ילכדו ח״ו לרשת הכפירה. ואמר לי שבקשר לזה יכתוב אליו שהוא יסע לשם — לאפריקא — לבקר את המצב על אתר לארגן את העבודה ולנהלה שם, ומתפקידו יהי׳ גם לנהל המשא ומתן התמידי עם הדזשאָינט המקומי, אשר במשך הזמן יקבלו עליהם את ההוצאות .. עד כאן דברי הרב. בינתים נצחו אראלים כו׳ ולא בא הדבר בכתיבה.
>
> באשר הוחלט להמשיך בעזהשי״ת את כל העבודה שהתנהלה תחת נשיאות כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ, ולהתחזק בה עוד ביתר שאת ויתר עז אשר זהו ודאי רצונו הקדוש, הנני בזה להודיעו את כהנ״ל ומבקש אני אותו אשר אם יסכים לקבל עליו המשרה הנ״ל — ואין ספק אצלי אשר יקבלה בשמחה רבה — יודיעני מזה ואכתוב ללשכה בפריז לסדר את הענינים הכרוכים בזה,
>
> ועד שהדזשאָינט יקבל על עצמו את ההוצאות .. נשלח אי״ה את התקציב הדרוש מכאן. והי׳ ראשיתך מצער[א] ואז — כך אמר כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ באחת משיחותיו[ב], כמדומה בשם הבעש״ט[ג] — אחריתך ישגה מאד.
>
> דעת כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ היתה שבתחילה יסע לאפריקא בעצמו, ורק אח״כ יבואו גם ב״ב יחיו לשם...

**א**

נכתבה על נייר המכתבים של המל״ח.

מהור״מ: ליפסקאר, פאַריז.

---

א) איוב ח, ז.

ב) ראה סה״ש קיץ ה׳ש״ת ע׳ 21.

ג) ראה גם כש״ט בהוספות ספ״ה ואילך. וש״נ.

שמחנו לקראת הבשורה כי עלה בעזהשי״ת להשיג את המכתב הדרוש, ויש התקוה לקבלת רשות הכניסה — ובטח יזדרזו בזה ככל האפשרי. גם המגמה שבנתיים יבקר את מאַרסייל — כפי שהודיענו הרה״ג והרה״ח כו׳ הרב״ג שי׳ טובה מאד. ובהקדם האפשרי ודאי יסע אי״ה לאַפריקא (בכתבי אדות תפקידו באַפריקא, אמנם כוונתי למדינות אפריקה הצפונית, כטוניס, אַלגיר וכו׳).

מובן כי יש לסדר בעהשי״ת פרטי הנסיעה והעבודה בשטומו״צ, ואת ההוצאות אשר בכ״ז ופרנסתו, וכותב אני נידון זה להרב״ג שי׳ ויתדברו יחד.

ולבשו״ט בכ״ז אחכה.

המאחל כ״ט

**מ. שניאורסאהן**

בפ״ע נשלחה לו החוברת דשני מכ׳ כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ.

---

המכתב הדרוש .. לקבלת רשות הכניסה: בזכרונותיו מספר הנמען (״עשרים שנה עבודת הקודש במרוקו, מכנס יע״א .. תש״י־תשכ״ט״ — ניו־יאָרק, תשמ״א. נעתק בתשורה הנ״ל ע׳ יח ואילך. וראה גם תולדות חב״ד במרוקו (אה״ק, תשע״ז) פ״א. ספר זכרון (גורודעצקי) ס״ע 57 ואילך), כי כדי להשיג רשות הכניסה (ויזה) למדינת מרוקו נדרש הי׳ להציג מכתב הזמנה ממישהו שמתגורר שם, ונלאה למצוא שֵם וכתובת של איש כזה אשר ממנו יוכל לבקש כנ״ל, עד שבהיותו בעיר ניצא (לשם נסע בינתיים כדי לפעול לטובת ישיבת תו״ת — ברינוא) פגש מישהו שנתן לו את שמו וכתובתו של רב העיר מעקנאס — מוה״ר רפאל ברוך טולידנו, ולאחר ההתכתבות עמו — שלח עבורו הרב הנ״ל מכתב דרישה והזמנה, אותו צירף לבקשתו מהקונסול, וכך קיבל — כעבור איזה שבועות — רשות הכניסה למדינה; עם קבלת רשות הכניסה — הזדרז תיכף ליסוע לשם, ותוך זמן קצר — שלהי אייר תש״י — הגיע למעקנאס, ופעל מיד להקמת הישיבה במקום. — וראה גם (ע״ד הזירוז כו׳ לקבלת רשות הכניסה ולהתחיל תיכף בעבודת השליחות) אג״ק ח״ג אגרות תקסח־ט. תקעב (ע׳ רנד). תקעה־תקעח*. תקפה* (ריש ע׳ עדר). תרז. ובכ״מ.

מאַרסייל: שם רוכזו ילדי עליית הנוער מצפון אפריקא בדרכם לאהקת״ו, כבאג״ק שם אגרת תקעא (וראה בהנסמן בהערות שם).

הרב״ג: ה״ר בנימין גאָראָדעצקי, מנהל הלשכה האירופית לעזרת הפליטים וסידורם — פּאַריז.

באפריקא .. למדינות אפריקה הצפונית: בזכרונותיו מספר הנמען, כי לאחר הבירורים שערך (עם קבלת האגרות הראשונות בדבר שליחותו לשם) — ״נתברר לי שאחת המדינות המתאימות [= מבין מדינות אפריקה הצפונית] היא מדינת מרוקו כו׳״, ולשם הפנה את מאמציו לקבלת רשות הכניסה.

החוברת דשני מכ׳ כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ: הוא קובץ מכתבים ג (קה״ת, ב׳ אייר השי״ת), שכולל שני מכתבים של כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע: א) על דבר ה״מופת ספר תורה של מורנו הבעש״ט נ״ע״ (אג״ק שלו ח״ו אגרת א׳תשסט — ע׳ רפ ואילך); ב) אודות סדר הכנסת ספר תורה לבית הכנסת (שם אגרת א׳תריב — ע׳ עג ואילך).

## ב

ב״ה. ב סיון התש״י

הרה״ח הוו״ח אי״א נו״מ וכו׳ מוהר״מ שי׳

שלום וברכה!

במענה על מכתבו מכה אייר שקבלתי אתמל — שלחתי אתמל טלגרמה בנוסח זה: להתחיל בעבודה תיכף בהצלחה בברכה מנחם שניאורסאן:

משלח האמצעים יסודר אי״ה בבא ידידנו הרב״ג שי׳ הנה — אשר כפי הנראה אפשר שישהה איזה ימים בפאַריז — ואז ג״כ נתדבר אתו בפרטות אדות ההצעות של כבו׳ במכתבו.

אבל עכ״פ אל יתמהמה ויתחיל תיכף ומיד. ויהי׳ בשטומו״צ, למלאות חפץ ורצון כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ בענין הפצת התורה וחיזוק היהדות.

באיחול קבלת התורה בשמחה ופנימיות והצלחה בעבודתו.

**מ. שניאורסאהן**

מוסג״פ הקונ׳ לחה״ש הבע״ל.

## ג

[ג׳ תמוז השי״ת]

בברכת חג הגאולה ואיחול כ״ט והצלחה מרובה בעבודתו בקודש.

---

ב

נכתבה על נייר המכתבים של המל״ח.

מוהר״מ: ליפסקאר, מעקנאס.

משלח האמצעים: ראה גם אג״ק ח״ג אגרת תקנט.

הרב״ג: ה״ר בנימין גאָראָדעצקי. וראה אגרת אליו מיום ג׳ סיון התש״י — אג״ק שם אגרת תרכ: ״הגיעוני שני מכתבים מהרמ״ל שי׳ ממעקנאס, ומודיע על האפשריות הגדולות שם לפעולות ממשיות תומ״י. ובאשר חושב כי כבוד מע׳ הוא כבר בברוקלין אינו כותב אליו בכל הענינים האלה לפאַריז, וסומך שכמ״ע יראה המכתבים ששולח אלינו .. ובנתיים נא להמציא להנ״ל איזה מזומנים״. וראה גם אג״ק שם אגרת תרלד*.

הקונ׳ לחה״ש: קונטרס עט. נדפס לאח״ז בסה״מ תש״י ע׳ 221 ואילך.

ג

מצילום כתי״ק, בשולי מכתב כללי־פרטי בתאריך זה (נדפס באג״ק ח״ג אגרת תרלז) — אל הרה״ח הוו״ח אי״א נו״מ וכו׳ מהור״מ שי׳ ליפסקאר (מעקנאס).

זה עתה טלגרפתי להרב טולידאנו בקשת זירוז בהשגת הויזא להרב״ג שי׳.

שנה זו נתמלאו ע׳ שנה לכ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ — ביב׳ תמוז. ובל״ס ינַצֵל זה להפיץ המעינות חוצה.

## ד

ב״ה. ד תמוז השי״ת

הרה״ח הוו״ח אי״א נו״מ וכו׳ מהור״מ שי׳

שלום וברכה!

מר יצחק שי׳ שלום דיבר אתנו תיכף בשובו מקאַסאַבלאַנקאַ לניויאָרק, ומסר לנו פ״ש מכמ״ע, וביקש מאותנו מנהל למוסדותיהם בקאַסאַבלאַנקאַ ושנשלח למוסדות האלה עוד מנהלים ומדריכים אחדים, ומבטיח שיוכלו המוסדות האלה להתנהג בדרך הישיבות שלנו.

---

טלגרפתי להרב טולידאנו: מוה״ר רפאל ברוך, מעקנאס. וראה גם (ע״ס התאריכים) אגרת א׳ר״ח תמוז השי״ת (נדפסה בקונטרס לש״פ קרח תשע״ב — בה כותב רבינו להנמען ע״ד ״השגת הויזא בעד הרב״ג שי׳״: לפי הצעתו, בדעתי לכתוב להרה״ג טאָלעדאַנאָ שי׳, ונא להודיעני אין וואָס קאָכט ער זיך: נגלה, קבלה, דרוש, רמז?). ספר ״בא כֹח״ (תשורה — גאָראָדעצקי, תשע״ו) ע׳ סא (ח תמוז השי״ת). אג״ק שם אגרת תרמב (י״ד תמוז השי״ת). ספר ״בא כֹח״ (תשורה — גאָראָדעצקי, תש״פ) ע׳ נב (יד תמוז התש״י).

בהשגת הויזא להרב״ג [= להר״ר בנימין גאָראָדעצקי]: ראה גם אג״ק שם אגרות תרכ־תרכא (ע״ד נחיצות ״ביקורו במאַראָקאָ עתה״, ״להיות נוכח בהנחת אבן הפנה לעבודתנו באפריקה״). תרלד*.

ע׳ שנה . . ביב׳ תמוז: ראה גם שיחת יום ב׳ דחג השבועות ה׳שי״ת (תו״מ התוועדויות ח״א — ה׳שי״ת — ע׳ 95).

ובל״ס [= ובלי ספק] ינַצֵל זה כו׳: בזכרונותיו מספר הנמען (נעתק בתשורה הנ״ל ע׳ כ), כי ״אחרי מספר שבועות״ להגעתו וייסוד הישיבה במעקנאס — ״התחילו להתוסף תלמידים, ואחר חודש ימים היו כבר כארבעים תלמידים. בינתיים שכרתי דירה חדשה בת חמישה חדרים ומרתף, ובי״ב וי״ג תמוז עשינו חגיגת חנוכת הבית וחגיגה ראשונה במרוקו, חג הגאולה . . ברוב פאר והדר״.

ד

נכתבה על נייר המכתבים של המל״ח.

מהור״מ: ליפסקאר, מעקנאס.

מר יצחק שי׳ שלום: ברוקלין, נשיא רשת מוסדות החינוך ״אוצר התורה״.

וביקש מאותנו מנהל למוסדותיהם בקאַסאַבלאַנקאַ: ראה גם ספר ״בא כֹח״ (תשורה — גאָראָדעצקי, תש״פ) ע׳ נא (א (בדר״ח תמוז) התש״י). ובכ״מ.

ובזה נבקשו להודיענו בפרטות מהפגישה אתו, המצב בקאַסאַבלאַנקאַ וחוות דעתו בכלל ואדות הצעותינו בפרט.

באיחול כ״ט והצלחה בעבודתו בפרט

**מ. שניאורסאהן**

## ה

ב״ה, כ״א מנחם אב, השי״ת

הרה״ח הוו״ח אי״א עוסק בצ״צ וכו׳
מוהר״מ שי׳

שלום וברכה!

מכתביו בעתם קבלתי. ות״ח על שכותב בפרטיות מהמצב שם, וכשיבוא הרה״ח וכו׳ הרב״ג שי׳ לכאן בטח יתבררו כל הפרטים דכאן ג״כ, ובעזהשי״ת מובטחני שכל אחד ואחד מאתנו יעשה חלקו במילוי שליחות כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ שהטיל עליו.

במענה על מכתבו מעש״ק נחמו אם גם ב״ב שי׳ יסעו אתו, הנה מאחר שהרה״ח וכו׳ הרב״ג שי׳ יבוא לכאן בקרוב — אדחה מעני עד אז, שאז תהי׳ לי השקפה על הענין, וכן בענין המשכורת. אבל בינתים, בכל אופן, מאחר שסידור ניירות כו׳ לוקח זמן ארוך כפי שאני משער, כדאי שישתדל להשיג ניירות גם בעד ב״ב שיחיו: ואח״כ תהי׳ לו הברירה אם להשתמש בניירות או לנסוע בעצמו.

בברכה בכלל ובהצלחה בעבודתו בקודש בפרט

**מ. שניאורסאהן**

---

ובזה נבקשו להודיענו בפרטות מהפגישה אתו: תיאור נלבב מפגישתו אתו (שבעקבותיו ביקש מר יצחק שלום אשר הנמען ינהל את מוסדותיו במקום) רשם הנמען בזכרונותיו (נעתק בתשורה הנ״ל ע׳ לא ואילך).

ה

נכתבה על נייר המכתבים של המל״ח.

מוהר״מ: ליפסקאר (ששהה אז — כנראה — בפאַריז).

הרב״ג: ה״ר בנימין גאָראָדעצקי.

אם גם ב״ב שי׳ יסעו אתו: בחזירתו למרוקו. — וראה אג״ק ח״ג אגרת תקנט (כ׳ שבט תש״י): ״דעת כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ היתה שבתחילה יסע לאפריקא בעצמו, ורק אח״כ יבואו גם ב״ב יחיו לשם״. — בפועל התעכבו ב״ב בפאַריז עוד כשנה.

## ז

[יום שלישי דסליחות, השי״ת]

המברך ומתברך בכתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה והצלחה במילוי שליחותו.

לפלא שלא הודיע מנסיעתו ומביאתו שלום. גם איך בדעתו אויסניצען ההתעוררות די״נ.

הרב דמילדת שליט״א כתב שיתן תשורה לספרי׳ שלנו כאן כמה מספרי קבלה וכיו״ב. ונא מטובו להיות המסייע בהובאת הדבר לידי פועל שישלחו אותם לכאן כמובן על חשבוני. ות״ח.

## ז

[ערב שבת קדש, שבת תשובה תשי״א]

הפ״נ שלו ורשימות התלמידים והמורים שיחיו — קראתי בער״ה על הציון ובר״ה — בחדרו של כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ.

בטח יכתוב בפרטיות מעבודתו. ובימי תשרי יפרסם ענין הדא״ח וע״ד כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ וכו׳.

❀ ❀ ❀

---

ז

מצילום כתי״ק, בשולי מכתב כללי־פרטי בתאריך זה (נדפס באג״ק ח״ג אגרת תשנג) — אל הרה״ח הוו״ח אי״א נו״מ וכו׳ מהור״מ שי׳ שד״ר ליפסקאר (מעקנאס).

די״נ: = דימים נוראים.

הרב דמילדת: מוהר״ר מאיר אביחצירא. וראה גם אגרת אליו מיום ג׳ אלול השי״ת — אג״ק שם אגרת תשג (בשולי האגרת): ״כפי אשר סיפר לי הרה״ג והרה״ח וכו׳ מוהר״ר בנימין שי׳ גאָרדצקי הנה נמצאים אצלו כמה ספרים בתורת האמת אשר נתחברו על ידי אביו ואביו זקנו של כת״ר .. ומאד אתענין שיהיו בהספרי׳ שלנו, ואם יתנם תשורה לאוסף הספרים שלנו הרי תודתי נתונה לו בזה מראש״. — בהמשך לזה, ראה אג״ק ח״ד אגרות תשפה־ו. תתכד (ע׳ עב). תתקמג. וראה גם אג״ק ח״ה אגרת א׳רצב. א׳רצו (בתחלתה). ובכ״מ.

ז

מצילום כתי״ק, בשולי מכתב כללי־פרטי בתאריך זה (נדפס באג״ק ח״ד אגרת תשסט) — אל הרה״ח הוו״ח אי״א נו״מ וכו׳ מהר״מ שי׳ שד״ר ליפסקאר (מעקנאס).

הפ״נ שלו ורשימות התלמידים .. קראתי כו׳: ראה גם אג״ק שם אגרת תשפה (בתחלתה).

בס"ד, משיחות ש"פ וירא, כ׳ מ"ח, תשל"ו. הנחה בלתי מוגה

א. אין פסוק "ויאמרו אליו אי׳ שרה אשתך גו׳" (יח,ט), איז רש"י מעתיק די ווערטער "ויאמרו אליו" און איז מפרש: "נקוד על אי"ו שבאליו ותניא רשב"א אומר כל מקום שהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב וכאן הנקודה רבה על הכתב אתה דורש הנקודה, שאף לשרה שאלו איו אברהם. למדנו שישאל אדם באכסניא שלו לאיש על האשה ולאשה על האיש" (און דערנאך איז רש"י ממשיך "בב"מ אומרים כו׳", כדלקמן ס"ב).

איז אין דעם ניט פארשטאנדיק:

א) רש"י׳ס פירוש איז דאך לכאורה בלויז אויפן ווארט "אליו" ("נקוד על איו שבאליו") – פארוואס איז ער מעתיק אויך דעם ווארט "ויאמרו"?

ב) רש"י ברענגט ניט דעם נאמען פון בעל המאמר, סיידן דאס גיט צו בהבנת הענין – וואס פאר א תוספות הבנה קומט צו דורכן זאגן אז דעם כלל ("כל מקום שהכתב כו׳") האט געזאגט רשב"א?

ג) וויבאלד אז "כל מקום שהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב" – דארף דאך קיין מאל ניט זיין "הנקודה רבה" (בכדי צו דרשנען די אותיות המנוקדות), אויך ווען עס וואלט געווען בלויז איין נקודה (אויף דעם אות וועלכע מען דארף ניט דרשנען) וואלט מען געדרשנט די אנדערע אותיות?

(בנדו"ד: בכדי צו וויסן אז מען דארף דרשנען די אותיות אי"ו – וואלט געווען גענוג אז עס זאל זיין א ניקוד בלויז אויפן למ"ד, וואס דאן וואלט מען געדרשנט די אותיות אי"ו מצד דעם כלל שכשהכתב רבה על הנקודה אתה דורש הכתב, איז צוליב וואס דארף מען דעם ניקוד אויף דריי אותיות?

ד) אברהם האט זיך געפונען מיט די מלאכים די גאנצע צייט, איז ווי איז שייך אז זיי זאלן פרעגן "איו אברהם"?

ה) (נוסף אויף די שאלות וועלכע שטעלן זיך על אתר, איז דא פאראן אויך א שאלה פון א ווייטערדיקע רש"י): אויף "ולא ידע בשכבה ובקומה" (יט,לג) זאגט רש"י "ובקומה..נקוד לומר שבקומה ידע". זעט מען דאך דערפון, אז ניקוד קומט צו עוקר זיין דעם ווארט (וראה לקמן סעיף ה׳), איז ווי שטימט עס מיטן כלל וואס רש"י זאגט דא אז בשעת די נקודה רבה על הכתב "אתה דורש הנקודה"?

ב. דערנאך איז רש"י ממשיך (אין זעלבן ד"ה): "בב"מ אומרים יודעין היו מלאכי השרת שרה אמנו היכן היתה אלא להודיע שצנועה היתה כדי לחבבה על בעלה. אמר ריב"ח כדי לשגר לה כוס של ברכה".

איז אין דעם ניט פארשטאנדיק:

א) "יודעין היו..כדי לחבבה..כדי לשגר לה כו׳" איז א ביאור (ניט אויף "נקוד על אי"ו", נאר) אויף דעם וואס די מלאכים האבן געפרעגט "אי׳ שרה אשתך" – האט דאך רש"י געדארפט עס שרייבן אין א באזונדער ד"ה, פארוואס שרייבט ער עס בהמשך צו זיין פירוש "נקוד על אי"ו"?

די קשיא איז נאך שטארקער: "שאף לשרה שאלו כו׳" איז לכאורה א ענין פון היפך הצניעות, ובמילא קומט אויס אז דאס וואס רש"י ברענגט פון ב"מ

צילום כתי״ק מהגהה על עמוד הראשון של השיחה

דא צוויי ענינים: א) א חלק פון ווארט "אליו". און אין דעם ענין – זיינען די אותיות אי"ו בלויז א טפל, ווייל דער עיקר פון ווארט "אליו" איז דער למ"ד. ב) א ווארט בפני עצמו – "איו". און אין דעם ענין – איז נוגע (כמובן) בלויז די אותיות.

פרעגט דער בן חמש למקרא (אויב ער איז א תלמיד ממולח): ווי קען מען זאגן אז די אותיות המנוקדות (אי"ו) וואס זיינען רבה על הכתב – וועלכע זיינען (אויך) א ווארט בפני עצמו – זאלן זיין טפל צו איין אות, צום למ"ד?

איז די שאלה באווארנט רש"י דערמיט וואס דעם כלל (שכשהנקודה רבה על הכתב אתה דורש הנקודה) האט געזאגט רשב"א:

רשב"א זאגט אין מס' ביצה (יז,א) "ממלאה אשה כל התנור פת מפני שהפת נאפת יפה בזמן שהתנור מלא" – אז אע"פ וואס צוליב יו"ט דארף זי האבן בלויז איין שטיקל פת, מעג זי אופה זיין א גאנצן תנור מיט פת, בכדי (צו ממעט זיין דעם חלל פון תנור, בכדי) אז דעם שטיקל פת וואס זי דארף אויף יו"ט זאל זיין נאפה יפה.

איז וויבאלד אז לויט רשב"א קען זיין אז א ריבוי פת זאל ווערן א טפל צו איין שטיקל פת – איז דאך במילא קיין קשיא ניט, וואס די דריי אותיות אי"ו זיינען א טפל צום למ"ד.

טו. פון די יינה של תורה שבפירש"י:

בשעת א איד באטראכט זיך אז דער זמן וואס עס גייט בא אים אוועק אויף תומ"צ איז בלויז א זמן מועט, משא"כ דער רוב הזמן גייט בא אים אוועק אויף דברי הרשות – קען דאך אים ווערן קלאמוטנע אויפן הארצן, טראכטנדיק אז בא אים איז דא אזא גרויסער "חלל" וואס איז א "מקום פנוי" פון תומ"צ

אויף דעם קומט די הוראה: אז אויב די דברי הרשות זיינען "לשם שמים", ווערן זיי אויס דברי הרשות נאר זיי ווערן (א טפל צו) תומ"צ. ובדוגמת "ממלאה אשה כל התנור פת כו'" – אע"פ אז יו"ט מעג מען טאן נאר די מלאכות שלצורך יו"ט – ווייל דער גאנצער תנור פת, וויבאלד ער קומט בכדי אז דער פת שלצורך יו"ט זאל זיין נאפה יפה, ווערט דעריבער דער גאנצער פת א יו"ט'דיקער פת, און דער חלל (התנור) איז אנגעפילט ניט מיט ענינים של חול נאר מיט ענינים פון יו"ט.

און בשעת א איד טוט זיינע דברי הרשות צוליב ענינים פון תומ"צ, בכדי אז זיין לחם דהתורה זאל זיין נאפה יפה – וכמבואר בלקו"ת (בחקותי מח,ג) עה"פ ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד, אז דער לחם דהתורה זאל זיין אויסגעבאקט אין די "חמימות (תנור) האהבה הבאה מהתבוננות של אחד" – ווערט דאס א הכנה קרובה צו דעם זמן וואס מען וועט ניט דארפן אנקומען צו אפי' ווייל "עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקאות וכלי מלת" (שבת ל,ב), בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

צילום כתי״ק מהגהה על עמוד האחרון של השיחה

**מוקדש**

## **לחיזוק ההתקשרות לנשיאנו**

## **כ״ק אדמו״ר זי״ע**

❁

ולזכות

**משה הלוי** בן **פעשא לאה**

**מנוחה קריינדל** בת **אסתר**

וכל יוצאי חלציהם שיחיו

לאורך ימים ושנים טובות ובריאות

ולהצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב